מהנעשה והנשמע

# בחצר הקודש

גליון שבועי פנימי לקהל אנ"ש חסידי סקווירא

פרשת בלק
תשפ"ד

גליון מב
שנה לא

## דברות קודש

✵ **דברי הדרכה והתחזקות אשר השמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לבחורי ישיבות שונות מרחבי ארה"ב, שנכנסו לקו"פ במוצש"ק פרשת קרח העעל"ט אחר הבדלה:**

**תמוז ואב - זמני תשובה**

ס'איז שוין ראש חודש תמוז היינט, און ביי חסידים האט מען געזאגט אז תמו"ז איז ראשי תיבות ז'מני ת'שובה מ'משמשים ו'באים.

הרה"ק דער רבי ר' שמעלקא זי"ע זאגט די זעלבע בחינה עה"פ (איוב לא, א) ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה, אז מזל אלול איז דאך בתול"ה און ס'שטייט פון אריה"ק אז תמוז און אב ווערן אנגערופן חודשי העיניי"ם: תמוז איז עין ימין וכו'. וזהו 'ברית כרתי לעינ"י' מ'הייבט אהן תשובה צו טוהן אין די חדשים פון תמוז ואב, 'ומה אתבונן על בתול"ה' מען דארף נישט ווארטן ביז מזל אלול בתולה, נאר מ'קען אנהייבן תשובה צו טוהן שוין פון חודש תמוז אויך.

**לימוד התורה בזריזות - גורם תענוג למעלה**

תשובה איז צוזאמגעשטעלט פון אפאר חלקים: סיי פון 'סור מרע' און סיי פון 'עשה טוב'. תשובה פון עשה טו"ב שטייט דאך (ויק"ר כה, א) היכי דמי תשובה? היה לומד דף אחד ילמוד שני דפים, מ'זאל זיך מחזק זיין אין לערנען. דאס איז אויך תשובה.

דער מחזה אברהם ברענגט די וואך עה"פ (במדבר יז, כג) ויגמול שקדי"ם, אז ס'שטייט אין זוה"ק (ח"ב עז.) אז אויב מ'לערנט תורה מיט עצלות און מיט עצבות ח"ו, האט מען נישט קיין הנאה פון דעם ח"ו. דער וואס לערנט תורה מיט א זריזות, מיט א שמחה און מיט א חיות, פון דעם האט דער אייבירשטער הנאה און דורכדעם איז ער משפיע אלע השפעות טובות.

וזהו 'ויגמול' דער אייבירשטער איז גומ"ל חסד, 'שקדים' דער וואס איז שוק"ד על דלתותי יום יום (משלי ח, לד), אז ער לערנט תורה נישט מיט קיין עצלות נאר מיט א שמחה און מיט א זריזות און מיט אן התלהבות. פאר איהם איז דער אייבירשטער גומל חסד.

**כוונת הלב - היא נשמת התפילה**

די תורה איז דאך געבינדן מיט "תפילה" אויך. דער פסוק זאגט (שם כח, ט) מסיר אזנו משמוע תורה גם תפילתו תועבה, און דער מאור עינים (ליקוטים ד"ה כנפי) ברענגט אויך אז תורה אהן תפילה און תפילה אהן תורה איז א 'פלג גופא'. ס'דארפן זיין בײדע זאכן, מ'דארף לערנען ווי ס'דארף צו זיין און דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, דעמאלס איז עס א דבר שלם.

"דאווענען ווי ס'דארף צו זיין" מיינט דאך פשוט: בפשטות איז דאך תפילה מיט'ן מויל, אבער די גמרא (תענית ב.) רופט אהן תפילה 'עבודה שבל"ב' - דער עיקר איז די כוונה פון די תפילה. די חסיד'ישע ספרים ברענגען

## בתוכן

~ דברות קודש ~
לבחורי ישיבות שונות ........................ א

~ שיחות קודש ~
עם כ"ק האדמו"ר מדושינסקיא ............... ג

~ שבעה דנחמתא ~
עם אחותו הרבנית מראחמסיטריווקא ...... ז
עם הגר"מ ארנסטר ר"י ויז'ניץ-ב"ב .......... י

~ בקודש פנימה ~
ביקורי אדמורי"ם ורבנים ........................ ??

~ מבשר ואומר ~
מהנעשה והנשמע מקהילותינו הקדושות....... יג
שבת ראשונה במאליבו / ברי"מ לבן פרע"ח הר"ש גרויס בראשות הרה"צ הר"י בשיכון / מסע הרה"צ הרי"י לפולין הונגריה ורומניה

אז אויב ס'איז נאר מיט'ן מויל, נישט מיט קיין כוונה, איז די תפילה ווי א 'גוף אהן א נשמה'. דער עיקר נשמה פון די תפילה איז אז מ'איז מתפלל מיט א כוונה, און דעמאלם ווערט עס נתקבל.

דער דעת משה ברענגט עה"פ (במדבר טז, ח) ויאמר משה אל קרח שמעו נא בני לוי, אז קר"ח איז מרמז אויפ'ן אייבירשטן אויך עדה"כ (ויקרא יג, מ) קר"ח הוא טהור הוא, און ער זאגט נאך א טעם פארוואס [קרח אותיות חקר עדה"כ החקר אלוקי תמצא] און נא איז תפלה. אין נ"א אלא לשון בקשה (ברכות ט.), לו"י איז א לשון דביקות. וזהו 'ויאמר משה אל קרח' אז משה רבינו האט געבעטן דעם אייבירשטן, 'שמעו נ"א בני לוי' אז ווען אידן וועלן דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, זאל דער אייבירשטער מקבל זיין די תפילות.

**תורה שקודמת לה יראת שמים - סופה להתקיים**

תורה ותפילה דארפן דאך זיין מיט "יראת שמים" אויך, כמ"ש (שבת לא.) אי יראת ה' היא אוצרו אין ואי לא לא וכו', מוטב אם לא העלית. עד כדי כך אז אויב ס'איז אהן יראת שמים ח"ו איז בעסער ווען ער וואלט נישט געלערנט. אזוי זאגט די גמרא!

דער גנזי יוסף טייטשט אפאר פסוקים און אפאר גמרא'ס אויף דעם. ס'שטייט (אבות ה, יז) כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים, זאגט ער אז שמי"ם איז מרמז אויף תורה מיט יראה, ווייל שמי"ם איז צוזאמגעשטעלט פון די ווערטער א"ש ומי"ם (ב"ר ד, ז), און די תורה איז דאך נמשלה למים שנאמר (ישעיה נה, א) הוי כל צמא לכו למי"ם (סוכה נב.), און א"ש איז מרמז אויף יראה כמ"ש (דברים ה, ה) כי יראת"ם מפני הא"ש. איז שמי"ם מרמז אויף מי"ם תורה און אויף א"ש יראה, אז די תורה דארף זיין מיט יראה.

וזהו 'כל מחלוקת שהיא לשם שמי"ם', אויב מ'טיילט זיך אפ און מ'דינט דעם אייבירשטן מיט תורה, און דער אופן פון לערנען איז שמי"ם, אז קודם איז דא יראה דער ש' און נאכדעם איז דא תורה מי"ם. ס'שטייט דאך (אבות ג, ט) כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, וכל שאין יראת חטאו קודמת לחכמתו אין חכמתו מתקיימת. ממילא אויב דער אופן פונעם לערנען איז לשם שמי"ם, אז פאר די מי"ם איז דא יראת ה', 'סופה להתקיים' דער סו"ף פון שמי"ם איז דאך די מי"ם, אויב ס'איז יראת חטאו קודמת לחכמתו, אזא תורה האט א קיום.

**בזמני תשובה - ניתן להתחזק יותר**

ס'זענען דאך חסיד'ישע בחורים, דארף מען דאך נישט דערמאנען זיך צו דערוויייטערן פון די אלע כלים המשחיתים. אויב מ'זאגט אפאר מאל אין טאג 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', איז דאך נישטא קיין הוה אמינא צו האבן א שייכות צו די אלע כלים ח"ו. דארף מען דאך אפילו נישט מעורר זיין, נאר מ'דארף מעורר זיין אז אפילו "בשוגג" זאל מען נישט נכשל ווערן ח"ו, נאר מ'זאל היטן די אלע גדרים וסייגים און זיך דערוויייטערן פון די כלים כמטחווי קשת.

במיוחד אז מ'האט דאך פריער דערמאנט 'ברית כרתי לעינ"י' אז תמוז און אב ווערן אנגערופן חודשי העיני"ם, איז דאך בוודאי ובוודאי אז אין די חדשים דארף מען זיך מחזק זיין אז מ'זאל נישט האבן קיין שום שייכות נישט צו אזעלכע ענינים וואס מאכן חרוב די עיניים און מאכן חרוב די מחשבה ח"ו.

מ'האט דאך געשמועסט אז ס'איז א זמן פון "תשובה", דארף מען וויסן אז אין א זמן פון תשובה קען מען זיך נאכמער מחזק זיין ווי אין אן אנדערע מאל.

**יש להתפלל לה' - שיעורר בליבנו לבוא וליטהר**

דער אור פני משה ברענגט אז ס'איז דא א מסורה ג"פ אל תפן: אל תפן אל מנחתם (במדבר טז, טו), אל תפן אל קשי העם הזה (דברים ט, כז), השמר אל תפן אל עוון (איוב לו, כא). זאגט ער בפשטות אז ס'איז דא אן הבטחה פונעם אייבירשטן (שבת קד.) הבא ליטהר מסייעין אותו, אבער מ'בעהט דעם אייבירשטן אז אפילו אויב אמאל איז מען נאכנישט צוגעקומען אז דער 'הבא ליטהר' זאל זיין אינגאנצן ווי ס'דארף צו זיין, זאל דער אייבירשטער אריינגיבן אן התעוררות אז מ'זאל קענען מאכן אן אתערותא דלתתא און צוקומען צו תשובה.

וזהו 'אל תפן אל קשי העם הזה', אפילו מ'האט נאכנישט געהאט דעם כח צו מאכן א ריכטיגע אתערותא דלתתא, פארוואס? ווייל אפילו מ'האט געטוהן מצוות ומעשים טובים שטייט דאך אויך (קידושין ל:) אלמלי הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו, דארף מען סיעתא דשמיא פון אייבירשטן. וזהו 'אל תפן אל מנחתם' אפילו די מנח"ה וואס א איד טוהט, דאס מיינט די מתנ"ה וואס מ'גיבט דעם אייבירשטן מיט תורה ותפילה און מצוות ומעש"ט, איז דאך אויך נאר ווייל הקב"ה עוזרו; און ממילא 'אל תפן אל עוון' ווייל דער אייבירשטער קוקט נישט אינגאנצן טאמער ס'איז געווען אמאל אן עוו"ן ח"ו.

לכתחילה דארף דאך זיין 'הבא ליטהר' אז ס'זאל זיין

'מסייעין אותו', אבער אויב ס'גייט מיט סיעתא דשמיא, בעהט מען דעם אייבירשטן 'אל תפן אל קשי העם הזה' אז דער אייבירשטער זאל גיבן די אתערותא דלתתא אויך און ס'זאל זיין אויף אן אופן פון 'השיבנו השם אליך', און ממילא דורכדעם וועט שוין זיין אינגאנצן 'הבא ליטהר מסייעין אותו'.

דאז"ה התמדה מיט יראת שמים, הצלחה און סיעתא דשמיא, מ'זאל קענען זיין מוסיף והולך און מעלין בקודש אי"ה.

ועברו בחורי החמד בסך לקבל את ברכת הקודש בפרטות.

# שיחות קודש

**❋ תוכן השיחה בביקורו של כ"ק האדמו"ר מדושינסקיא שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בליל חמישי פרשת שלח העעל"ט:**

**אדמו"ר שליט"א** התעניין בשלומו הטוב ואמר על בואו כביקור גומלין: ס'איז נישט קיין 'חיישינ"ן לגומלין (ע"ז סא:)'...

**האדמו"ר מדושינסקיא:** כ'בין שוין שולדיג אפאר מאל צוריקצוקומען.

**אדמו"ר שליט"א:** חס ושלום, מ'איז גארנישט 'שולדיג', ס'איז קיין שום 'שולדיג' נישט!..

**האדמו"ר מדושינסקיא:** די וועלט זאגט דאך אז אויב מ'מוז שולדיג בלייבן זאל עס זיין אויף אזא סארט 'חוב'...

כ'האב פארגעסן אז היינט איז געווען כ' סיון, דער טאג איז אביסל אנגעשטרענגט.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, אבער יעצט איז דאך שוין כ"א.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** א"ך טוב לישראל (תהלים עג, א).

**אדמו"ר שליט"א:** מ'פלעגט זאגן 'סליחות' לכ' סיון? מ'האט דאס תולה געווען אסאך אין די מקומות [שהיו שם פרעות מסעי הצלב ר"ל במדינות אוקריינא ופולין].

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ניין, ביי די אונגערישע האט מען עס טאקע נישט געזאגט. די אלע אנדערע סליחות האט מען יא געזאגט, למשל שובבי"ם און בה"ב.

**אדמו"ר שליט"א:** שובבי"ם האט מען ביי אונז נישט געזאגט קיין סליחות. מ'האט געפאסט אבער נישט געזאגט קיין סליחות. אבער בה"ב האט מען ביי אונז אויך געזאגט סליחות. באמת פאסטן בה"ב איז 'א סימן אין שו"ע (או"ח סי' תצב)'!

**האדמו"ר מדושינסקיא:** אין שו"ע שטייט אויף נאך פסח און סוכות, און ס'שטייט דארט אין די פוסקים א גאנצע שאלה וועגן נאך שבועות.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, למעשה האלט מען טאקע נישט בה"ב נאך שבועות. באמת כ' סיון איז אויך דערמאנט, נישט אין שו"ע אבער אין מגן אברהם (או"ח תצג, ו; שם תקפ, ט). ס'שטייט טאקע אין מג"א (שם תיז, ג) אז אויב ס'געפאלט פרייטאג האט מען משלים געווען דעם תענית ביז אין שבת אריין, און אזוי האט מען זיך טאקע געפירט ביי אונז.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** דאס הייסט אז ס'איז בעצם אזויווי די הלכה איז ביי 'עשרה בטבת'.

**אדמו"ר שליט"א:** פונעם אפטער רב זי"ע שטייט עה"פ (שמות יז, יט) כי י"ד על כס י"ה, אז כ"ס איז כ' ס'יון און י"ה איז י'ום ה'כיפורים, ["כ' סיון הוא התחלה על יום הכיפורים אם מקיים יום הזה כראוי אזי יוכל לקיים יום הכיפורים כראוי ונכון"]. מ'זאגט נאך אז אפילו ווען כ' סיון וואלט געפאלן און שבת, וואלט געווען א הוה אמינא אז אפשר וואלט מען אויך געפאסט. אזוי שטארק איז עס געווען.

ס'זענען דא תעניתים וואס מ'פאסט נישט אריין אין שבת, למשל שובבי"ם פאסט מען ביי אונז פרייטאג אבער נישט ביז שבת, נאר ביז מנחה קטנה וכדו'. אבער טאמער ס'איז דא א ברית פרייטאג, וויבאלד שובבי"ם איז תלוי מער אינעם 'וואך', ממילא איז מען משלים דעם תענית אינמיטן די וואך, און דעמאלס פאסט מען יא ביז ביינאכט. פרייטאג איז מען נישט משלים אלס כבוד שבת, ווי ס'שטייט (סי' רע"ט מג"א סק"ז) 'שלא ייכנס לשבת כשהוא מעונה (עירובין מא.)' - אבער אויב מ'פאסט שוין אינמיטן די וואך איז מען שוין יא משלים ביז ביינאכט.

דאס הייסט אזוי: ביי אנדערע זמנים וואס מ'פאסט און ס'איז תלוי ממש אינעם 'טאג', למשל טאקע כ' סיון, ערב ראש חודש, בה"ב וכדו' - אויב ס'איז דא א ברית פאסט מען נאר ביז חצות אבער נאכדעם איז מען טועם ביים ברית, מ'פאסט נישט. דער לשון אין שו"ע (או"ח תקסח, ב) איז דארט ביי די סארט תעניתים, נישט אז מ'מעג עסן נאר 'מצוה לאכול' ביי א ברית.

ביי שובבי"ם האט מען טאקע אויסגעקליבן ביי אונז

צו פאסטן פרייטאג אלס די מדה פון יסוד וכו', אבער דאס איז נישט ממש לעיכובא. טאמער ס'איז דא א ברית איז מען משלים דעם תענית אינמיטן די וואך, און דעמאלס איז מען שוין יא משלים ביז ביינאכט.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ביי אונז זאגט מען סליחות יעדן דאנערשטאג פון שובבי"ם. איז דא א מציאות וואס חמשה עשר בשבט געפאלט דאנערשטאג, און דעמאלס איז מען עס מקדים און מ'זאגט די סליחות אום יום שני. חמשה עשר זאגט מען נישט קיין סליחות אלס יומא דפגרא.

דאס זעלבע אויב ראש חודש געפאלט דאנערשטאג, און דעמאלס פאסט מען ערב ראש חודש. ס'איז דא א תשובה אויף דעם אין שו"ת לבושי מרדכי (מהדו"ת סי' ט).

**אדמו"ר שליט"א:** דאס איז מסתמא אויך אלס דער טעם, ווייל שובבי"ם איז נישט אזוי ווייט תלוי אינעם 'טאג' נאר אינעם 'וואך'. אנדערע תעניתים זענען תלוי אינעם טאג, און אויב ס'שטייט 'מצוה לאכול' דארף מען נישט קיין תשלומים, אבער שובבי"ם האט מען טאקע אויסגעקליבן דעם טאג אדער דעם טאג אבער ס'איז נישט ממש תלוי נאר אין דעם טאג.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ערב ראש חודש פלעגט מען אויך פאסטן?

**אדמו"ר שליט"א:** פאר'ן מולד. אויב ערב ר"ח איז געפאלן פאר'ן מולד פלעגט מען פאסטן, און אויב ס'איז געווען פרייטאג האט מען געפאסט ביז צום טיש. ס'שטייט אין מג"א (או"ח תיז, ג) אז מ'איז משלים ערב שבת ביז אין שבת אריין. נאכ'ן מולד איז געווען א קפידא אויף נישט צו פאסטן (שם).

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ביי אונז זאגט מען דאך תפילת 'יום כיפור קטן' יעדן ערב ר"ח א גאנץ יאר, און מ'פאסט אויך נאר ביז'ן מולד. למשל לגבי חתונה מאכן אויך, טאמער ס'איז שוין געווען נאכ'ן מולד האט מען שוין חתונה געמאכט אפילו ס'איז געווען ל' לחודש. דער שו"ת לבושי מרדכי (מהדו"ק סי' נב) ברענגט אויך אזוי פון זיין רבי'ן דער כתב סופר זצ"ל.

**אדמו"ר שליט"א:** געפאסט נאכ'ן מולד האט מען ביי אונז נישט, אבער חתונות האט מען נאכנישט געמאכט. ראש חודש אליין האט מען אויך נישט געמאכט, אלס אג"ה - א' ג' ה' לחודש. ס'איז דערמאנט פון פריערדיגע[א].

**אדמו"ר שליט"א:** און בה"ב האט מען געפאסט?

**האדמו"ר מדושינסקיא:** בה"ב האט מען געפאסט נאר איינע פון די טעג, שני תניינא.

**אדמו"ר שליט"א:** ביי אונז האט מען געפאסט בה"ב געהעריג.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** יעדן ערב ר"ח האט מען געזאגט ביי אונז 'יום כיפור קטן' חוץ פיר חדשים, און ס'איז דא א סימן ביי אונז: חטא"ת, ער"ח ח'שוון ווייל ס'איז נאך תשרי, ער"ח ט'בת איז דאך חנוכה, ער"ח א'ייר ווייל ס'איז נאך ניסן, און ער"ח ת'שרי ערב ראש השנה האט מען נישט געזאגט קיין יום כיפור קטן.

**אדמו"ר שליט"א:** 'יום כיפור קטן' האט מען ביי אונז נישט געזאגט. מ'האט געפאסט אבער נישט געזאגט די סליחות.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** אין די וועלט זאגט מען כאטש "ערב ר"ח אלול". בעצם די פיוטים וואס מ'זאגט ביי 'יום כיפור קטן' זענען דאך די פיוטים וואס מ'זאגט יום כיפור ביי מנחה, אין די פלעצער וואו מ'זאגט די סליחות. יום כיפור זאגט מען אויך נישט די סליחות ביי מנחה?

**אדמו"ר שליט"א:** די לאנגע סליחות נישט. אזוי געווענליך זאגט מען ביי אונז יא די יוצרות, אבער סליחות אין יום כיפור נישט.

ס'איז א פלא לגבי שבועות: געווענליך פלעגט מען ביי אונז יא זאגן אלע יוצרות, דאס הייסט שביעי של פסח און אחרון של פסח, סוכות און שמיני עצרת דער יוצר פון גשם, און אנדערע זמנים אויך. אבער שבועות איז דער איינציגער יו"ט וואס מ'האט נישט געזאגט, און נאכ'ן דאווענען האט מען עס יא געזאגט. כ'ווייס נישט צי ס'איז געווען פאר יעדן איינעם, אבער דער טאטע ז"ל איז געבליבן נאכ'ן דאווענען אין ביהמ"ד און נישט קידוש געמאכט ביז נאכ'ן ענדיגן אלע יוצרות. ער האט געזאגט אז מ'האט נישט געוואלט מעכב זיין "קבלת התורה", אבער נאכ'ן דאווענען האט מען זיך דאך שוין נישט געיאגט...

**האדמו"ר מדושינסקיא:** שבועות ביי מוסף זענען דא די

---

א. ראה שבט מוסר (פרק לא בשם ארחות צדיקים), אזהרות נוספות לצוואת רבי יהודה החסיד (סעיף טו), ספר זכירה (עמ' תלד ד"ה סגולה לשמירה בדרך), דרכי תשובה (יו"ד קעט, יד). בבעלזא החל הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע לנהוג כן בהיותו נכד הרה"ק מאפטא זי"ע שהקפיד על כך ('ילקוט אוהב ישראל' סוף ח"ב).

תרי"ג מצוות, דאס האט מען אויך נישט געזאגט?

**אדמו"ר שליט"א:** דאס האט מען אויך נישט געזאגט בשעת'ן דאווענען. דעם צווייטן טאג שבועות ביי מוסף האט מען יא געזאגט דעם פיוט 'אזהרת ראשית אז שש מאות'.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** דעם ערשטן טאג פאר 'אז שש מאות' איז דא דער גאנצער סדר פון די תרי"ג מצוות, מ'שטעלט זיך פון וואו דער פייטן האט גענומען דעם סדר וכו'. ביי אונז האט מען געזאגט די 'מערבית' אויך. זעהט אויס אז דאס איז מער אן אויבערלענדישער זאך...

**אדמו"ר שליט"א:** יא, יא. ס'איז דערמאנט אז זאגן די יוצרות איז א סגולה צו "אריכות ימים".

**האדמו"ר מדושינסקיא:** אין ארץ ישראל האט מען דאך נישט געהאט די צווייטע טעג יו"ט, פלעגט מען בי די סעודה געזינגען די יוצרות פונעם צווייטן טאג. דער זיידע הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל גאב"ד ירושלים איז דאך רוב יארן געווען אין חוץ לארץ.

**אדמו"ר שליט"א:** האט ער נישט געוואלט גורע זיין...

**האדמו"ר מדושינסקיא:** כ'ווייס נישט צי דאס איז איבעראל, אבער אויפ'ן זיידן ז"ל זאגט מען אז ער איז נאך געגאנגען מיט בגדי יו"ט דעם צווייטן טאג יו"ט אפילו אין ארץ ישראל אויך, ביז פאר מנחה ווען ער איז אראפגעגאנגען דאווענען, דעמאלס האט ער געביטן צו בגדי חול.

**אדמו"ר שליט"א:** ברבים האט ער נישט געוואלט גיין מיט בגדי יו"ט, אמאל אלס "כבוד פון ארץ ישראל". ס'קען זיין אז דאס איז דער טעם וואס ברבים האט ער נישט געוואלט, אלס כבוד פון ארץ ישראל.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** יא, ס'קען זיין.

כ'האב געהערט אז דער זיידע דער מהרי"ץ האט געזאגט: ס'איז נישט קיין חכמה אז מ'שטייט אויף אינדערפרי יו"ט שני און מ'טוהט זיך אהן בגדי שבת... נאר מ'דארף ממשיך זיין דעם יו"ט! האט ער זיך נישט געלייגט שלאפן יענע גאנצע נאכט, נאר ער איז געבליבן מיט בגדי שבת דעם גאנצן ליל יו"ט שני ביז פאר מנחה.

**אדמו"ר שליט"א:** באמת לגבי 'תיקון ליל שבועות' שטייט דאך אז דער טעם פארוואס מ'איז אויף איז ווייל דאס שלאפן פאר קבלת התורה האט נישט אזוי געטויגט...

**האדמו"ר מדושינסקיא:** דער זיידע זצ"ל פלעגט אלץ רעדן ביים פארלערנען פאר די תלמידים: קען מען דען זאגן אז אידן האבן זיך געגרייט פופציג טעג צו קבלת התורה און דא זענען זיי פארשלאפן? נאר פארקערט: זיי זענען אויפגעווען א גאנצע נאכט און געווארט אויף קבלת התורה, און אלס זכר פון דעם זענען מיר אויך אויף!..

**אדמו"ר שליט"א:** דער בת עין ברענגט א פלא'דיגע זאך, א חידוש פון א זאך: ס'שטייט דאך (שבת פח.) 'יום אחד הוסיף משה מדעתו'. וואס איז דער פשט פון דעם? און תוספות (שם ד"ה כפה) פרעגט דאך די באקאנטע קשיא, פארוואס האט מען געדארפט האבן דעם 'כפה עליהם את ההר כגיגית'? די אידן האבן דאך געזאגט 'נעשה ונשמע'. זאגט ער אז אידן האבן טאקע געזאגט נעשה ונשמע און זיי האבן געהאט א גרויסע השתוקקות צו די תורה, אבער ווען ס'איז געקומען למעשה האבן די אידן געהאלטן אז זיי זענען נאכנישט גרייט... זיי האבן געוואלט נאכמער הכנה! האט משה רבינו זיי נאכגעגיבן און מוסיף געווען נאך איין טאג מדעתו. שפעטער האבן זיי ווייטער זיך געבעטן מיט אזא השתוקקות, אז צו אזא זאך ווי קבלת התורה דארף מען דאך אזויפיל טהרה און אזויפיל הכנה, און זיי זענען נאכאלץ נישט גרייט! אויף דעם האט שוין געדארפט זיין דער 'כפה עליהם את ההר כגיגית', ווייל זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען נאכנישט ראוי...

דער איינציגער זמן חוץ ראש השנה וואס מ'זינגט נישט ביי אונז ביים טיש, איז שבועות ביינאכט פאר קבלת התורה. בייטאג נאך קבלת התורה יא, אבער ביינאכט זינגט מען נישט. דער מדרש זאגט דאך עה"פ (תהלים עו, ט) ארץ יראה ושקט"ה אז די גאנצע בריאה איז געווען שטיל, אלס זכר פון דעם האט מען נישט געזינגען.

**וכיבדו מרן אדמו"ר שליט"א בפירות.**

**אדמו"ר שליט"א** חילק גם למשבקי"ם הנלווים אליו באמרו: כ'קום נישט טיילן דא, אבער אז זיי האבן געברענגט א חשוב'ן גאסט וויל איך ווייזן הכרת הטוב פאר זיי... ואיחל להאדמו"ר: מ'איז דאך געקומען אויף א שמחה, איז דאך עס א דבר בעתו: דאז"ה מ'זאל זעהן גוטע פירות און פירות פירותיהם! און אין דעם זענען שוין נכלל די תלמידים אויך, מ'זאל זעהן גוטע פירות בכלל ובפרט.

והתעניין **רבינו** על ישיבתו בית יוסף צבי וכו'.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** מ'וויל דאך ארויסגיין אינדרויסן פון שטאט, האט מען שוין אנגעפאנגען ארויסצונעמען די ישיבה ביים עק פון שטאט אלעד נעבן בני ברק.

מ'האט שוין אנגעפאנגען צו בויען, און ס'איז יעצט אביסל א שווערע תקופה, דארף מען צוקומען צו א גוטע ברכה וואס זאל באגלייטן.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, צו בויען איז נישט קיין לייכטע זאך. אביסל איז מען עס מרגיש ביי אונז אויך, מ'בויט דא א נייער ביהמ"ד - אבער 'הבא ליטהר' העלפט דער אייבירשטער סיעתא דשמיא מיט הצלחה. **ונתן רבינו** סכום הגון לטובת בנין הישיבה באמרו: צו זיין נאר א 'נאה דורש' איז דאך נישט קיין גרויסע זאך...

**האדמו"ר מדושינסקיא:** יעצט בין איך געקומען נעמען א ברכה. ווען די שלוחים זענען דא איז דער רבי זיי שטענדיג מחזק. כסדר ווען זיי קומען צוריק ברענגען זיי דעם רבינ'ס השתתפות און ס'איז א געוואלדיגער חיזוק!

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז נישט קיין רבותא, ס'איז א דבר פשוט, ס'וואלט געווען אן עוולה ווען נישט... אבער איך האב אנגעהויבן צו פרעגן צוליב דעם. ווען כ'וואלט נישט געוואלט גיבן וואלט איך אינגאנצן נישט צוגערירט דעם ענין... אז כ'האב געפרעגט איז דאך א סימן אז מצידי האב איך געוואלט וויזן א שטיקל השתתפות.

**ובירכו מרן אדמו"ר שליט"א:** זדא"ה ס'זאל גיין גרינג מיט סיעתא דשמיא און הרחבת הדעת, בשורות טובות, מ'זאל זיך זעהן מתוך שמחה. ונפרדו לשלום.

**❋ תוכן שיחות ומאמרי קודש, דברי חיזוק ויסודי אמונה, עובדות וסיפורים יקרים, בעת ביקורי התנחומים של גדולי ישראל שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א על פטירת הרבנית הצ' ע"ה.**

**<u>יום רביעי תצוה אחה"צ</u>**

**אחותו הרבנית הצ' מראחמיסטריווקא תליט"א,**

**הרבנית מראחמיסטריווקא** ציינה בערגה כי תקופה ומאורע כזה מעוררים בה אזויפיל אמאליגע זכרונות. וסיפרה על לידת הרה"צ רבי אהרן מענדיל, והסבתא הרבנית לאה אסתר מויז'ניץ ע"ה אמרה אז לבעלה כ"ק האדמו"ר הישועות משה זצ"ל שהגיע אל השמחה והצביעה עלי: "זי האט איר געראטעוועט", ווייל איך בין געווען מיט איר אין שפיטאל וכו'. האט ער מיר דעמאלס אפגעגיבן א גרויסן מזל טוב און א גרויסן יישר כח, כ'געדענק אז דיין שווער ז"ל האט מיר זייער שטארק אנגעוואונטשן.

**אדמו"ר שליט"א:** מסתמא 'גוטע זאכן' קומען נישט אהן לייכט...

**בנה האדמו"ר מראחמיסטריווקא-מאנסי:** ביי די חופה פון מיין שווער [כ"ק רבינו שליט"א] אין ארץ ישראל ביסטו אויך נישט געווען. **הרבנית מראחמיסטריווקא** סיפרה כי אכן אחותה הגדולה הרבנית סימא מירל מוויזשניץ-מאנסי ע"ה מעדה ונפלה ל"ע בדרך לחופה. מ'האט איר נישט אוועקגענומען אין שפיטאל, אבער כ'האב איר געדארפט אויפהייבן און זיך אפגעבן מיט איר, און ביז כ'בין אנגעקומען האט מען שוין געהאלטן נאכ'ן חופה. מיין שווער [כ"ק האדמו"ר ר' יוחנן מרחמס"ט-ירושלים זצ"ל] האט מיר נאכדעם געזאגט: "א שאד אז דו האסט נישט געהערט דיין טאטנ'ס ברכות אונטער די חופה".

שפעטער ו' אלול [תשי"ט] איז געווען די חתונה פון מיין מאנ'ס ברודער הרה"צ ר' משה ז"ל, און מיין שווער ז"ל האט זייער געוואלט אז דער טאטע ז"ל זאל זיין מסדר קידושין. מיין שווער איז קיינמאל נישט געווען מסדר קידושין, ביי די ערשטע צוויי קינדער האט ער אויך אוועקגעגיבן סידור קידושין פאר דעם און פאר יענעם, ער האט נישט געוואלט זיין מסדר קידושין. דער טאטע האט שוין געדארפט פארן קיין לאנדאן דעמאלס, אבער דער טאטע האט געזאגט פאר מיין שווער: "כ'וועל בלייבן אביסל שפעטער אין ארץ ישראל און כ'קום צו די חופה, נאר אויב איהר וועט אליין זיין מסדר קידושין".

דער טאטע האט דעמאלס אסאך פארארבעט מיט איהם, ער פלעגט מיר זאגן: "פארוואס פירט נישט דיין שווער קיין טישן? מ'וויל דאך אזוי!". פון דעמאלס אהן איז ער טאקע שוין געווען מסדר קידושין ברבים, און דער טאטע ז"ל האט דעמאלס געזאגט די ברכות. און באלד נאכדעם איז ער געפארן קיין לאנדאן. **בנה האדמו"ר מראחמיסטריווקא-מאנסי:** דער זיידע ז"ל האט איהם דעמאלס געזאגט: "כ'נעם נישט קיין ברכות ביי קיין חופות אפילו ביי מיינע קרובים אויך נישט, אבער אויב איהר זאגט מיר אז איהר וועט זיין מסדר קידושין - וועל איך זאגן די ברכות"...

**אדמו"ר שליט"א** הזכיר את התקופה הראשונה אחר החתונה דער טאטע ז"ל האט אלעס אינזין געהאט דעמאלס... אזוי טראכט איך נישט אריין, אבער יעצט האב איך זיך אנגעהויבן צו דערמאנען און דערמאנען... ס'איז דא אסאך זיך צו דערמאנען. אבער די שמחה ווען

די ערשטע טאכטער [הרבנית מרחמס"ט-מאנסי] איז געבוירן נאך צוויי יונגלעך, איז נישט צום באשרייבן!.. וכשאמר הרה"צ הרא"מ בדרך צחות שהשמחה היתה כי נולדה כלתה, הוסיף רבינו: הרי מ' יום קודם יצירת הוולד מכריזים בת פלוני לפלוני (סוטה ב.)...

**הרה"צ רבי חיים מאיר:** מ'האט דעמאלס געשריבן א טעלעגראם אז ס'איז געבוירן א טאכטער און מ'האט געפרעגט וואספארא נאמען מ'זאל געבן, האט מיין זיידע דער אמרי חיים זצ"ל צוריקגעשריבן אינעם בריוו דעם נאמען 'הינדא', און ער פרעגט: פארוואס האט מען נישט געשריבן 'מה שלום היולדת'?

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז אויך ארויסגעקומען לעצטנס א בריוו פונעם אמרי חיים ז"ל, וואס ער האט געשריבן חיזוק ספעציעל פאר איר נאכדעם וואס דער טאטע ז"ל איז נסתלק געווארן. ער שרייבט דארט שטארק שטארק..! דאס איז חוץ וואס ער האט געשריבן צו מיר. והזכיר על כך שהרה"ק האמ"ח וגם הרבנית מרגלית ע"ה היו כותבים מכתבים בליל ערב פסח אחר בדיקת חמץ.

**הרבנית** נזכרה בין שלל זכרונותיה שבלידת בתו השלישית של אד"ש לא היתה שייכת קריאת השם לצד שלו. כ'מיין אז דער נאמען האט נישט געהערט צו דיר, נאר דו האסט אנגערופן דיין שווער ז"ל קיין ארץ ישראל און געזאגט אז "דער טאטע האט צוזאמגעשטעלט דעם נאמען 'סימא מירל' [אצל בתו הרבנית מוויזשניץ-מאנסי ע"ה], פון הרבנית חנה סימא ע"ה [א"ח מרן מהר"י מסקווירא זי"ע] און הרבנית מירל ע"ה [א"ח הרה"ק רא"ג מאוסטראה זי"ע], האסטו זייער חשק צו גיבן דעם נאמען". והסביר **רבינו:** "וויבאלד ס'איז נישט געווען קיין יונגל און ס'איז געווען דאס ערשטע קינד נאכ'ן הסתלקות, האב איך געוואלט גיבן דעם נאמען וואס דער טאטע ז"ל האט געגיבן".

**הרה"צ רבי יעקב יוסף:** ביי מיר האט זיך די באבע מרגלית ע"ה געטרייסט, אז 'יעקב' איז דאך אויך 'ישראל'... כ'בין דאך געבוירן ב' סיון אינעם יארצייט פונעם אהבת ישראל זי"ע, און ס'איז געווען נאך א נאמען וואס מ'האט געגיבן נישט פון איר זייט [שהיה בן-זכר ראשון שנולד למרן אד"ש אחר הסתלקות מרן זי"ע] - האט זי זיך מיט דעם געטרייסט...

**הרה"צ הרא"מ:** דער ברית איז געווען דא שבת נאך שבועות, און יענע שבת איז געווען אין מאנסי דער אויפרוף פון מיין שוואגער כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-וומב"ג שליט"א, און די באבע מרגלית ע"ה האט געוואלט קומען צופיס פון מאנסי צום ברית דא אהער!.. זי האט נישט געכאפט אז ס'איז נישט אזוי נאנט.

**אדמו"ר שליט"א** דיבר אודות הרבנית מרגלית מוויזניץ ע"ה בתו של הרה"ק רבי וועלוועלע מראחמיסטריווקא זי"ע: זי האט נאך געדענקט הרה"ק רבי יוחנן ראחמיסטריווקער זי"ע, און זי איז געווען א דייקנית. וואס זי האט געזאגט האט מען געקענט בויען אויף דעם. ווען דער טאטע ז"ל איז געווען ביים אמרי חיים ז"ל אפאר מאל, ארויסגייענדיג האט ער זיך אפגעשטעלט שמועסן מיט די רביצין מרגלית ע"ה. אמרה הרבנית שגם בעלה כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא זצ"ל היה אוהב לשבת אצלה, און אויספרעגן פונקטליך פונקטליך, און זי האט געזאגט: דא איז געווען די מומע חוה'לעס דירה און דא איז געווען דעמ'ס... הוסיף רבינו: נאך די חתונה האב איך איר אויך אויסגעפרעגט, און כ'האב עס אפילו ביי מיר פארצייכנט. זי האט מיר געזאגט פונקטליך וויפיל מוזיקאנטן זענען געווען ביי איר חתונה, פופצן מוזיקאנטן וואס זענען געקומען פון סמילא, א גרויסע שטאט נעבן ראחמיסטריווקא וכו'.

בענין זה ציינה **הרבנית מרחמס"ט** עוד על הרבנית הנ"ל מוויז'ניץ: זי האט מדקדק געווען אויף אלע מנהגים. זי האט מיר געזאגט אמאל אז ביז איר יונגסטע טאכטער ע"ה [הרבנית ציפורה פרידמאן ע"ה] איז געבוירן האט זי געקאנט אלעס אויספירן, אבער דעמאלטס איז עפעס געווען וואס זי האט נישט געקאנט אויספירן די אלע מנהגים פון קימפעט... וסיפר רבינו: וויפיל מאל כ'האב איר געטראפן [הרבנית פרידמאן הנ"ל] האט זי מיר געזאגט: "דיין טאטע איז געווען דער ערשטער מבין אויף מיר" [על הנסיונות שהי' לה]... והדגיש הרה"צ הרח"מ: זי האט מיר אלעמאל געזאגט אז "ער איז געווען א חכם און א פיקח". על כך הוסיף רבינו: דער טאטע ז"ל האט זיך אפגעגיבן מיט איר אין בוקארעסט, ער האט געפרואווט משפיע צו זיין אויף איר.

ושוב העלתה **הרבנית תליט"א** מזכרונות ילדותה. דאס ערשטע מאל איז געווען ווען דער טאטע ז"ל האט געטראפן איר'ס א ביכל און ער האט עס פארברענט... ווען זי איז צוריקגעקומען איז זי נעבעך געווען אזוי אויסער זיך, זי האט דאך אזוי צוגעזאגט פאר יענעם און זי דארף אפגעבן דאס ביכל און וואס זאל זי זאגן?.. וציינה עוד שהבת הנ"ל נסעה לארה"ק עם הדרכון והניירות של אחותה הרבנית שבע ברכה ע"ה [אשת הרה"צ ר' משה ארנסטר זצ"ל], כי האחות שבע כבר נסעה משם

לפני כן. ווען אונז זענען געקומען פון יאס קיין בוקארעסט, איז דיין שווער [הישוע"מ זצ"ל] שוין געווען אין ארץ ישראל, איז זי געווען ביי אונז אין שטוב אסאך.

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע ז"ל האט דעמאלס גזאגט פאר'ן שוואגער [כ"ק האדמו"ר התורת מרדכי מוויז'ניץ זצ"ל], אז ער זאל זעהן זי זאל זיך נישט דרייען וואו מ'דארף נישט. והרחיבה **הרבנית:** ער האט געבעטן 'שמורה מצות' פאר די שוועסטער, ער האט געהאט שאלות פארוואס מ'נוצט פאר די ווייבער אנדערע מצות ווי פאר די מענער... האט דער טאטע ז"ל איהם געזאגט: "אז זי זאל נישט גיין וואו מ'דארף נישט, איז וויכטיגער ווי די שמורה מצות". והסביר האדמו"ר מרחמס"ט-מאנסי: היינט איז נישטא אזא זאך, אבער אין סקווירא האט מען געגיבן פאר די נשים מצות פשוטות, וואס זענען שמורה 'משעת לישה'. ואישר **רבינו:** יא, נישט 'משעת קצירה'.

**הרה"צ הרא"מ:** מיין שווער [התורת מרדכי זצ"ל] האט געמאכט אן עסק פון 'תנור ראשון', אבער דער זיידע ז"ל האט נישט מקפיד געווען אויף תנור ראשון אפילו פאר זיך.

**הרה"צ הרח"מ:** פון 'ושמרתם את המצות (שמות יב, יז) לערנט מען דאך ארויס (מכילתא, בא ט) 'ושמרתם את המצוו"ת'. זעהט אויס אז דער זיידע ז"ל האט געהאלטן אז דאס איז וויכטיגער ווי די 'מצות'...

**אדמו"ר שליט"א:** אויב דער טאטע ז"ל האט געמאכט א ווערטל פון דעם, איז ממש א ראיה אז אינדערהיים האט מען נישט אזוי מקפיד געווען לגבי נשים. אפילו אויב ער האט געהאלטן אז 'זיך נישט דרייען וואו מ'דארף נישט' איז וויכטיגער ווי די מצות, וואלט ער נישט געמאכט קיין ווערטל וועגן 'שמורה מצות' אויב ס'איז נישט געווען אינדערהיים אזוי. אינדערהיים האט מען למעשה פאר די נשים נישט אזוי מקפיד געווען אויף 'שמורה משעת קצירה', ווען נישט וואלט ער נישט געמאכט קיין ווערטל פון דעם. אבער היינט איז אלעס שמורה משעת קצירה, ס'איז נישטא קיין אנדערע.

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא-מאנסי:** היינט זענען אלע אנדערע בחזקת חמץ, ווייל מ'בליטשט דאך היינט די מעהל. מ'האט מורא צו נוצן אויב ס'איז נישט שמורה משעת קצירה.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'קען אויך זיין אז דער חילוק אין ממונות איז נישט אזוי גרויס, און ס'איז נישט אזא דחקות אז מ'זאל דארפן שפארן אויף יעדן פרט.

**הרה"צ הרא"מ:** כ"ק האדמו"ר מספינקא-18 שליט"א האט דערציילט, אז זיין טאטע הרה"ק רבי יעקב יוסף מספינקא זצ"ל איז געווען אין בוקרארעסט, און דער זיידע ז"ל האט איהם גערופן אויף א סדר און דער אמרי חיים ז"ל האט איהם גערופן אויף א סדר, איז ער געגאנגען איין נאכט דא און איין נאכט דארט.

**אדמו"ר שליט"א:** באמת דער רבי יענקעלע ספינקער זצ"ל איז געווען נאנט מיט וויז'ניץ, ווייל ער איז דאך געווען אן איידעם אין בארשא [אצל הרה"ק ר' אלתר מנחם מענדיל מבארשא בן הרה"ק רבי פינחס מבארשא בן הרה"ק האמרי ברוך מויז'ניץ זי"ע]. ועל כך ציינה **הרבנית:** די צווייטע רביצין זיינער איז געווען אסאך ביי אונז אין שטוב אין בוקארעסט, די רביצין פערל ע"ה [בת הרה"ק ר' אברהם אביש הורוויץ מקראלי זצ"ל חתן זקנו הרה"ק החקל יצחק מספינקא זי"ע]. הגיב **רבינו:** דא אין אמעריקא איז זי אויך געווען גאנץ נאנט מיט די מאמע'ן ע"ה.

**הרה"צ הרא"מ** הזכיר אודות הרבנית מסאסרעגן תליט"א לרפו"ש אלמנת האדמו"ר רבי מרדכי דוד רובין מסאסרעגן זצ"ל ובתו של הרה"ק רבי יהושע אייכנשטיין מזידיטשוב-פראכניק זצ"ל, שסיפר מרן אד"ש אתמול עד כמה הקפידה אמו הרבנית טראני ע"ה שהרבנית מסאסרעגן תנאום בכל שנה במסיבת ה'פארטי' להחזקת המוסדות, ולא נתנה להחליפה בדרשנית אחרת... וציינה **הרבנית** שהיא עדיין בחיים לאוי"ט אך כבר חלושה ל"ע. כשאמר **רבינו** שהיא כבר צריכה להיות לא צעירה בלעה"ר, אמרה **הרבנית מרחמס"ט:** זי איז דאך געווען אזויפיל צוזאמען מיט די שוועסטער פיגא מלכה ע"ה [בת כ"ק מרן זי"ע], אסאך. איר שוועסטער שרה'טשע ע"ה, די מאמע פון מיין נעפיו הרה"צ ר' יהושע זיבאלד שליט"א אבד"ק אלטשטאט [אשת הרה"צ ר' משה זייבאלד ובתו של רבי יהושע פראכניקער הנ"ל], איז געווען מיט מיר זייער נאנט. כ'בין געווען יונגער פון זיי אלע. כ'האב א בילד פון וואטרא-דארנא וואו מ'זעהט אפאר פון די שוועסטערס.

די מאמע ע"ה פלעגט פארן קיין דארנא פיר וואכן פריער זיך אפצורוען, און ווען דער טאטע ז"ל איז געקומען איז שוין געווען א געפארעכץ אהין און צוריק, דעמאלס האט זי זיך שוין נישט אפגערוהט... הערשט צוועלף-איינס אזייגער ביינאכט פלעגט ער גיין אמאל שפאצירן אין פארק אויף א שעה צוויי! ער פלעגט פארן יעדעס יאר פון יאס קיין דארנא, אבער איך האב עס נאר דערלעבט איין יאר, דאס לעצטע מאל. דאס לעצטע יאר

[סיון ת"ש] איז געווען לייב'קעס חתונה [אחי מרן ז"ל], איז מען שוין נישט געפארן קיין דארנא.

די מאמע ע"ה האט דעמאלס מורא געהאט צו פארן ס'איז געווען פאר דו ביסט געבוירן, צו די חתונה איז זי אויך נישט געפארן [למיהאלפאלווע]. זי פלעגט אלעמאל זאגן אז זי מיינט אז די באבע ציפורה ע"ה האט איר א טובה געטוהן [בשמים אחר פטירתה בב' אדר תרח"צ], אז זי האט דיך געקענט געבוירן... אבער א יאר פריער איז נאך די באבע ציפורה ע"ה אויך געווען איינמאל אין דארנא. מירל ע"ה [הרבנית מוויזניץ ע"ה] פלעגט צוריקפארן מיט די באבע ציפורה ע"ה קיין קעשינוב און בלייבן דארט אויף אפאר וואכן.

**אדמו"ר שליט"א:** למעשה איז מען שפעטער אויך געפארן קיין דארנא. כ'געדענק נאך אויך פון אלס קינד אז מ'איז געפארן קיין דארנא, שוין פון בוקארעסט.

ואישרה **הרבנית:** יא, מירל'ס חתונה איז דאך געווען אין דארנא. אבער דאס איז שוין געווען אן אנדערע 'דארנא' אינגאנצן... והמשיכה לספר בשם אחותה הרבנית מירל הנ"ל: זאגט זי אז איינמאל איז אנגעקומען א בריוו פון די מאמע'ן ע"ה און זי שרייבט אז דער טאטע האט אסאך פיבער ל"ע, כ'ווייס נישט וויפיל, און דער דאקטער האט מורא אז ס'זאל נישט ווערן קיין לונגען אנטצינדונג ח"ו, און ער וויל דאך גיין אין מקוה. זאל זי איהם שרייבן א בריוו בגזירת 'כיבוד אם' אז זי בעהט ער זאל נישט גיין אין מקוה.

מירל ע"ה זאגט אז א גאנצע נאכט האט די באבע געשריבן און געמעקט און געשריבן... אינדערפרי גייט זי אריין, זעהט זי אז זי נעמט דעם בריוו און צורייסט עס אויף פיצלעך. זאגט זי: "באבע, וואס טוסטו? האסט זיך געמוטשעט א גאנצע נאכט וויאזוי צו שרייבן!". זאגט זי: "הער מיך אויס מיין קינד, ער וויל דאך גיין אין מקוה נאר לשם שמים. אז איך וועל איהם זאגן אז נישט, וועט ער דאך האבן א מצוה פון 'כיבוד אם', לאז מיך איהם נישט פארדרייען קיין קאפ... זאל ער טוהן וואס ער פארשטייט און דער אייבערשטער זאל איהם היטן און פירן אויפ'ן גוטן וועג". דאס איז געווען די מעשה...

**אדמו"ר שליט"א:** איך 'ווייס' די מעשה אבער דו 'געדענקסט' די מעשה פון דעמאלס, ווען מירל האט דאס דערציילט... כ'האב אויך געהערט דעם נוסח, אז א גאנצע נאכט האט זי געקלערט וואספארא נוסח זי זאל איהם זאגן, אפשר יא און אפשר נישט, ביז זי האט זיך מיישב געווען אז ער זאל טוהן וויאזוי ער פארשטייט.

**הרה"צ הרח"מ:** דער בעלזער רב ז"ל איז אמאל געגאנגען ביז די מקוה, און זיך צוריק אנגעטוהן אהן זיך טובל'ן, ווייל דער טאטע האט איהם געזאגט ער זאל נישט גיין...

